UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Undzer Treyst Dem Gutn Khaver Vili Shor / Our Comfort to Our Good Friend Willy Shore

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0vk6b9t4

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

Author
Alex Robbin, Aleks Robin /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

א. ר.

# אונדזער טרייסט דעם חבר וועלוול שאָר

מיט טרויער שיק איך אייך די בשורה,
געשריבן מיט ווייטיק יעדע שורה.
געהאַט פיר ברידער, פיר שוועסטער—
זיי זיינען שוין מער נישטאָ
און איך אַליין בין נאָך אַלץ דאָ.
געהאַט איין זון — איצט געבליבן אַליין
און אַזוי וועט מיין לעבן מיט טרויער
פאַרגיין.

## וועלוול שאָר

מיט די עטלעכע שטילע, ווייטיקדיקע שורות האָט אונדז וועלוול שאָר, דער וועטעראַן עסקן און מעצענאַט פון יידישער קולטור, מודיע געווען וועגן דעם פריי־ציטיקן טויט פון זיין איינציקן זון, ברוך שאָר, וועלכער האָט געוווינט אין ליוומאָר, אַ שטעטל לעבן סאַן פראַנציסקאָ.

וועלן מיר דאָ אין נאָמען פון דעם גאַנצן יידיש־ריידנדיקן סעקטאָר פון לאָס אַנדזשעלעס, ביי וועמען ווילי איז אַזוי באַליבט און רעספּעקטירט, אויסדריקן אונדזער טיפן מיטגעפיל. מיר פילן זיין צער און מיר טרויערן צוזאַמען מיט אים אויף זיין גרויסער אבידה. מיר פילן אָבער אויך אַז בלויז זאָגן עטלעכע ווערטער איז ניט גענוג, וואָרן ווילי שאָר האָט מיט די יאָרן — בקרוב ווערט ער אַליין אויך אַ יונגערמאַנטשיק פון 94 עד מאה ועשרים שנה — דערגרייכט אַ רייפקייט, מילדקייט און מידות געפּאָרט מיט מעשים טובים וואָס דינען ווי אַ ביישפּיל אויך פאַר אַנדערע וועטעראַנען אונדזערע וועלכע האָבן די זכיה צו דערגרייכן אַ בכבודיקן הויכן עלטער.

ווילי איז זינט איך געדענק אים, שוין אַ קיימא־לן פון פיר צענדליק יאָר, אַ זייל אין שטיצן יידישע קולטור און יידישע שרייבערס. אַלע יאָרן איז זיין היים געווען אַ וועד פאַר יידישע שרייבערס און קולטור־אַקציעס. ווען זיין פרוי ליזאַ ע״ה האָט נאָך געלעבט איז זייער היים געווען אַ סאַלאָן פאַרן יידישן וואָרט. זייער גרויסע ביבליאָטעק און די שיינע קונסט־חפצים האָבן אַזוי ווי צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקע שטימונג צו די אָפטע קולטור־פאַרזאַמלונגען. נאָך ליזעס טויט, ווען ווילי האָט זיך אַרויסגעצויגן פון יענער הויז אויף סיטרוס גאַס, איז ביי אַלעמען געבליבן עפּעס אַ פוסטקייט אין האַרצן.

דאַמאָלסט האָט נאָך לאָס אַנדזשעלעס געהאַט אַ היפּשע קאָלאָניע פון יידישע שרייבערס און דיכטערס. און די היים פון די שאָרס איז געווען דאָס אָרט ווו מען פלעגט זיך אָפט באַגעגענען, אויפנעמען געסט און ווו ס׳פלעגן געשאַפן ווערן קאָמיטעטן אַרויסצוגעבן יידישע ביכער. דער הויפּט־פאַרשפּרייטער פון די ביכער און דער הויפּט־זאַמלער פון די פאָנדן איז געווען ווילי שאָר. ער האָט מער ווי ווער עס איז צַ: ערש מעגלעך געמאַכט דאָס דערשיינען פון די ווערק פון לאַמעד שאַפּיראָ, ה. רויזנבלאַט, ש. מילער, דעם בערל סאַט אַלבאָם פון זיינע האָלץ־אויסשניצן; אויך פאַר אויסגאַבעס פון ניו־יאָרק, ווי מאַני־לייבס דע־לוקס אויסגאַבע, איציק מאַנגערס, חיים גראַדעס, אַהרן צייטלינס שיינע אויסגאַבעס; דעם „ספר הפרענומעראַנטן“ פון בערל כהן און נאָך אַנדערע ווערק. אַזוי גרויס איז געווען און איז נאָך איצט זיין ליבשאַפט צו יידישער ליטעראַטור.

נאָך זיין באַליבטער ליזעס טויט האָט ווילי באַשלאָסן, אַז ס׳איז ניט גענוג בלויז איבערצולאָזן ירושות פאַר יידישער ליטעראַטור; אַז די צייט צו טאָן און אויפצוטאָן איז איצט, ווען מען קען נאָך אַליין הנאה האָבן פון דעם. האָט ער דורך די פאָר צענדליק יאָר מנדב געווען אַרום זעכציק טויזנט דאָלער, זיין גאַנץ פאַרמעגן, אויף פונדאַציעס, פּראָיעקטן און פּרעמיעס אַרויסצוגעבן די ווערק פון יידישע שרייבערס. אין יענע יאָרן איז 60 טויזנט דאָלער געווען אַ סך אַ גרעסערע סומע ווי ס׳איז היינט. מיר קענען ניט אויסרעכענען אַלע זיינע פּראָיעקטן אָבער עטלעכע איז כדאי צו דערמאָנען:

אַ צען טויזנט דאָלער פאָנד אויפן נאָמען פון ליזאַ און ווילי שאָר ביים שרייבער פאַריין אין מדינת ישראל, וואָס שטיצט דאָס אַרויסגעבן ביכער. אַ צען טויזנט

דאָלער פאָנד ביים אַלוועלטלעכן יידישן
קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק. ער האָט
פינאַנסירט דאָס איבערזעצן אויף העב־
רעיש און דאָס אָפּדרוקן פון למד שאַפּי־
ראָס „די יידישע מלוכה" און אויך ש.
מילערס געקליבענע כתבים — ביידע
ביים פּרץ פאַרלאַג אין תל־אביב. אויך
האָט ער אַליין פינאַנסירט אין אָנדענק פון
ליזאַן אַן אַנטאָלאָגיע וועגן חורבן, רעדאַ־
גירט פון ד"ר עזריאל נאַקס, יעקב גלאַט־
שטיין און ד"ר ש. מאַרגאָשעס, דערשינען
אין ניו־יאָרק. פאַרן בית לייוויק אין
תל־אביב האָט ער אַליין צוגעטראָגן דריי
טויזנט דאָלער און האָט אויך באַצאָלט
$3000 פאַר מילבערגערס סקולפּטור
וואָס שטייט איבערן לייוויק הויז אין תל־
אביב. ווילי איז דער מלאך הגואל פון
לייוויק־הויז. ביז איצט האָט ער פון אַנ־
דערע קוואַלן געשאַפן פאַר דער אינסטי־
טוציע קרוב צו 25 טויזנט דאָלער.

די העברעישע ליטעראַטור האָט אַלע
מאָל געהאַט גרויסע מעצענאַטן, אפילו מי־
ליאָנערן, וואָס האָבן געשטיצט העברעיש
מיט אַ ברייטער האַנט. די יידישע ליטע־
ראַטור אָבער שטייט אין ביי אָרעמע
פאָלקס־מענטשן מיט ווייניק געלט און
קליינע השגות. אויך ווילי שאַר איז קיין
מאָל נישט געווען קיין עושר. זעכציק
טויזנט, לויטן אַמעריקאַנער סטאַנדאַרד,
איז ניט קיין עשירות. ער האָט אָבער דאָס
אַוועקגעשענקט מיט ליבשאַפט און אַליין
לעבט ער באַשיידן אויף אַ זייער באַ־
גרענעצטער הכנסה.

ער איז באמת געוואָרן אַ לעבעדיקער
ביישפּיל פאַר אַנדערע. איך אַליין האָב
באַקומען גרעסערע סומעס ביי מענטשן
פאַר געזעלשאַפטלעכע קולטור פּראָיעקטן
מחמת זיי זיינען אָנגערעגט געוואָרן פון
ווילי'ס ביישפּיל. ווילן מיר אָט דעם חסד
דערמאָנען און ווילן אים זאָגן: טייערער
וועלוול שאַר: אין דעם מאָמענט פון גרויס
צער געפינט אַ טרייסט אין אייער גרויסן
צושטייער צו דער יידישער קולטור.
טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד און אוי־
סערן לאַנד זיינען מיט אייך אין אייער
גרויסן טרויער. זאָל דאָס זיין כאָטש
טיילווייז אַ טרייסט פאַר אייך. מיר ווינ־
טשן אייך נאָך לאַנגע געזונטע יאָרן, איר
זאָלט קענען געניסן פון דעם וואָס איר
האָט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און איידל־
קייט פאַרזייט.

# מאיר ווינטרויב ע"ה

## לאַנג־יאָריקער פאַרוואַלטער פון היגן „פאָרווערטס" אָפיס

מאיר ווינטרויב איז יאָרן־לאַנג געווען
אַן אינסטיטוציע אין לאָס אַנדזשעלעס.
עס זיינען פאַראַן אין לאָס אַנדזשעלעס
ווייניק אינסטיטוציעס וווּ מאיר האָט ניט
גענומען אַן אַקטיוון אנטייל. זיין אָפיצי־
עלער אַמט איז געווען צו פאַרוואַלטן מיט
די געשעפטס ענינים פונעם היגן „פאָר־
ווערטס" אָפיס. איבער אַ האַלבן יאָר־
הונדערט האָט ער געדינט אַט דער גרעס־
טער יידישער פאָלקס־צייטונג אין אַמע־
ריקע, פריער אין פילאַדעלפיע, אין קליוו־
לאַנד, און די לעצטע דרייסיק יאָר אין
לאָס אַנדזשעלעס. אַ פאַרוואַלטער פון
„פאָרווערטס" איז אַלע מאָל געווען אַן
אַקטיווער מיטאַרבעטער אין יידישע אַר־
בעטער און פאָלקס אינסטיטוציעס, און
מאיר ווינטרויב האָט אומעטום דערפילט
זיינע פונקציעס ווי אַ שליח־ציבור מיט
געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. ער
איז געווען אַ פירנדער מענטש אין אַרבע־
טער רינג, אין דער „סיטי אָוו האָופּ",
אין די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס ביים פאַר־
אייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד, ווו ער
איז פיל יאָרן געווען פאַרזיצער, אַן אַקטי־
ווער טוער אין הסתדרות קאַמפּיין, אין
אַרבעטער „אָרט", אין יידישן אַרבעטער
קאָמיטעט, אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־
סטיטוט, און דער פאַרזיצער פון יידישן
סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

אָבער חוץ זיינע אָפיציעלע אַמטן איז